# לב שומע

תמצית שיעורים אויף די פרשה

פון הרה"ג רבי **שמעיה לעוו** שליט"א

דומ"ץ דקהל יטב לב ד'סאטמאר

אידיש

## מקץ - חנוכה

לעילוי נשמת

הרה"ח מקים עולה של תורה

ר' ישעי' זאב בן הרה"ח ישראל ישכר זלה"ה

ראש הקהל דקהל יטב לב סאטמאר - לאנדאן

ניתן לשמוע השיעורים ב'קול הלשון'

020 81917000

[ex3,1.11.1]

'שגיאות מי יבין' - אי אפשר לבר בלא תבן
בבקשה, המוצא שגיאה כלשהוא יואיל להודיע
למו"ל למען יתוקן אי"ה

להערות והארות ולקבלת הגליון יש לשלוח לאימעל
levshomeya@gmail.com

סדר ועימוד: **א. י. גרינוואלד** 054-8494370 (972)

ניקוד: **ישראל פויגל** 054-8435096 (972)

# תוכן הענינים

## אַהֲבָה בַּתַּעֲנוּגִים


מַה יָּפִית וּמַה נָּעַמְתְּ אַהֲבָה בַּתַּעֲנוּגִים.......... ה

וְעַל פְּתָחֵינוּ כָּל מְגָדִים.......... ו

מַה יָּפִית - בִּמְזוּזָה.......... ו

וַעֲשִׂיתֶם אֶת כָּל מִצְוֹתָי.......... ו

חוּט הַמְשֻׁלָּשׁ לֹא בִמְהֵרָה יִנָּתֵק.......... ז

בָּאַהֲבָה בּוֹז יָבוּזוּ לוֹ.......... ז

יוֹסֵף אִין מִצְרַיִם.......... ח

אַהֲבָה מְקַלְקֶלֶת אֶת הַשּׁוּרָה.......... ח

זְכוֹר זֹאת לְיַעֲקֹב.......... ט

אַרַיין צוּ לֵייגְן לִיבְּשַׁאפְט.......... ט

חֲנֻכָּה - מִלָּשׁוֹן חִנּוּךְ.......... י

שְׁמִירַת שַׁבָּת בְּשִׂמְחָה.......... יא

יוֹסֵף הָאט אֵייבִּיג לִיבּ גֶעהַאט זֵיינֶע בְּרִידֶער.......... יב

וְהוֹדַעְתָּ לָהֶם אֶת הַדֶּרֶךְ יֵלְכוּ בָהּ.......... יד


## בְּזֹא"ת אֲנִי בוֹטֵחַ


תְּפִלָּה.......... טו

תְּשׁוּבָה.......... טו

זֶרַע שֶׁל קַיָּמָא.......... טז

פַּרְנָסָה.......... יז

לוּ חָכְמָה יַשְׂכִּילוּ זֹא"ת.......... יח

הַדְרָן עֲלָךְ יְמֵי חֲנֻכָּה.......... יח

# פרשת מקץ - חנוכה

## אַהֲבָה בַּתַּעֲנוּגִים

☆ מַה יָּפִית וּמַה נָּעַמְתְּ אַהֲבָה בַּתַּעֲנוּגִים ☆ וְעַל פְּתָחֵינוּ כָּל מְגָדִים ☆ מַה יָּפִית - בִּמְזוּזָה ☆ וַעֲשִׂיתֶם אֶת כָּל מִצְוֹתָי ☆ חוּט הַמְשֻׁלָּשׁ לֹא בִמְהֵרָה יִנָּתֵק ☆ בָּאַהֲבָה בּוֹז יָבוּזוּ לוֹ ☆ יוֹסֵף אִין מִצְרַיִם ☆ אַהֲבָה מְקַלְקֶלֶת אֶת הַשּׁוּרָה ☆ זָכוֹר זֹאת לְיַעֲקֹב ☆ אַרַיין צוּ לֵייגְן לִיבְּשַׁאפְט ☆ חֲנֻכָּה - מִלָּשׁוֹן חִנּוּךְ ☆ שְׁמִירַת שַׁבָּת בְּשִׂמְחָה ☆ יוֹסֵף הָאט אֵייבִּיג לִיבּ גֶעהַאט זֵיינֶע בְּרִידֶער ☆ וְהוֹדַעְתָּ לָהֶם אֶת הַדֶּרֶךְ יֵלְכוּ בָהּ

**מַה יָּפִית וּמַה נָּעַמְתְּ אַהֲבָה בַּתַּעֲנוּגִים**

**עֶס** שְׁטֵייט אִין מַסֶּכֶת סוֹפְרִים (פרק כ הלכה ג) **נֵר חֲנֻכָּה מִצְוָה לְהַנִּיחַ בְּפֶתַח הַסָּמוּךְ לִרְשׁוּת הָרַבִּים, שֶׁתְּהֵא מְזוּזָה בִּימִין וְנֵר חֲנֻכָּה בִּשְׂמֹאל, לְקַיֵּם מַה שֶּׁנֶּאֱמַר** (שִׁיר הַשִּׁירִים ז ז) **מַה יָּפִית וּמַה נָּעַמְתְּ, מַה יָּפִית - בִּמְזוּזָה, וּמַה נָּעַמְתְּ - בְּנֵר חֲנֻכָּה** מֶען צִינְדְט דִי לִיכְט בֵּיי דִי טִיר, כְּדֵי מֶען זָאל זַיין אַרוּם גֶענוּמֶען מִיט מִצְוֹת. ווִי שֵׁיין אוּן בַּאלִיבְּט אִיז כְּלַל יִשְׂרָאֵל וָואס זֶענֶען אַרוּם גֶענוּמֶען מִיט מִצְוַת מְזוּזָה בֵּיי דֶער רֶעכְטֶער זַייט אוּן נֵר חֲנֻכָּה בֵּיי דֶער לִינְקֶער זַייט פוּנֶעם טִיר. אִין שְׁאִלְתּוֹת דְּרַב אַחָאי (וַיִּשְׁלַח כו) לֵייגְט צוּ נָאךְ אַ נְקוּדָה, מְזוּזָה בִּימִין וְנֵר חֲנֻכָּה בִּשְׂמֹאל, "וּבַעַל הַבַּיִת בְּטַלִּית מְצוּיֶּיצֶת עוֹבֵר בֵּינֵיהֶם לְקַיֵּם הַחוּט הַמְשֻׁלָּשׁ לֹא בִמְהֵרָה יִנָּתֵק", אוּן אִינְדֶערמִיט שְׁטֵייט דֶער מֶענְטְשׁ אָנגֶעטוּן מִיט צִיצִית.

**וֶוען** מִיר צִינְדְן אָן דִי לִיכְט אוּם חֲנֻכָּה וֶוערְן מִיר אַרוּם גֶענוּמֶען מִיט אַן אוֹיסֶער גֶעוֶוענְלִיכֶע לִיבְּשַׁאפְט פוּן הקב"ה, אוּן וֶועגְן דֶעם צִינְדְט מֶען בֵּיים טִיר נֶעבְּן דִי מְזוּזָה, וַוייל אָט דִי דְרֵיי מִצְוֹת פוּן חֲנֻכָּה מְזוּזָה אוּן צִיצִית דָאס סִימְבַּאלְזִירְט דִי אַהֲבָה אוּן לִיבְּשַׁאפְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער.[א]

---

**א.** מיין פעטער הגה"צ רבי חיים אריה ערלאנגער זצ"ל האט מסביר געווען די קשר צווישן די דריי זאכן, חנוכה איז תורה שבעל פה, און מזוזה איז תורה שבכתב, דער וועג ווי אזוי מען ברענגט צוזאם די תורה שבעל פה מיט די תורה שבכתב, איז דורך די י"ג מדות פון רבי ישמעאל, דאס זענען די דרשות וואס מען לערנט ארויס פון פסוקים – תורה שבכתב. די פינעף קניפן און די אכט שטריקן פון די ציצית זענען צוזאמען דרייצן י"ג, [מען פירט זיך צו קישן די ציצית נאך ברוך שאמר, וויבאלד מען זאגט דרייצן מאל 'ברוך' אין די ברכה] דעריבער איז די ציצית אינמיטן וואס דאס איז מרמז דעם קשר צווישן די תורה שבכתב מיט די תורה שבעל פה.

## וְעַל פִּתְחֵינוּ כָּל מְגָדִים

**חֲנֻכָּה** – דִי רַמְבַּ"ם (פ"ד הלכות חנכה הי"ד) שְׁרֵייבְּט אַ גֶעוואלְדִיגֶע לָשׁוֹן וֶועגְן דֶער גְרוֹיסְקֵייט פוּן הַדְלָקַת נֵרוֹת חֲנֻכָּה **מִצְוָה חֲבִיבָה הִיא עַד מְאֹד** דִי מִצְוָה פוּן נֵרוֹת חֲנֻכָּה אִיז אַ מִצְוָה וָואס אִיז גָאר שְׁטַארְק בַּאלִיבְּט, דָאס אִיז נִישְׁט סְתָּם אַן אוֹיסְדְרוּק בְּדֶרֶךְ מָשָׁל, נָאר דָאס אִיז טַאקֶע אַזוֹי, דֶער מִצְוָה פוּן נֵרוֹת חֲנֻכָּה אִיז גָאר בַּאלִיבְּט, אַזוֹי ווִי מֶען פִּירְט זִיךְ טַאקֶע צוּ מַחְמִיר זַיין אוּן זִיךְ פִּירְן מְהַדְּרִין מִן הַמְּהַדְּרִין, וָואס מִיר טְרֶעפְן נִישְׁט נָאךְ אַ מִצְוָה וָואס מֶען זָאל זִיךְ פִּירְן בִּמְהַדְּרִין מִן הַמְּהַדְּרִין.

## מַה יָּפִית - בִּמְזוּזָה

**מְזוּזָה** – שְׁטֵייט אִין רַמְבַּ"ם (פ"ו הל' מזוזה הי"ג) אַז וֶוען מֶען גֵייט אַרִיבֶּער אַ מְזוּזָה זָאל מֶען טְרַאכְטְן אוֹיף **יִחוּד הַשֵּׁם, שְׁמוֹ שֶׁל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, וְיִזְכֹּר אַהֲבָתוֹ** מֶען דַארְף לֵייגְן אַ מְזוּזָה בֵּיים טִיר כְּדֵי צוּ לֶעבְּן שְׁטֶענְדִיג מִיט יִחוּד הַשֵּׁם, אוּן מִיט אַהֲבָה צוּם בַּאשֶׁעפֶער. יִחוּד הַשֵּׁם מֵיינְט גְלֵייבְּן אוּן ווִיסְן אַז אַלֶעס אִיז פוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אוּן דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז דֶער אֵיינְצִיגְסְטֶער וָואס פִּירְט אָן דֶער גַאנְצֶע בְּרִיאָה, אוּן אַהֲבַת הַשֵּׁם מֵיינְט פָּשׁוּט כְּמַשְׁמָעוֹ לִיבּ הָאבְּן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן.

**אַזוֹי** אוֹיךְ זֶעען מִיר אַז דֶער רַמְבַּ"ם הָאט אַרֵיין גֶעלֵייגְט הִלְכוֹת מְזוּזָה אִין סֵפֶר "אַהֲבָה", ווייל דָאס אִיז אַ חֵלֶק פוּן אַהֲבָה, דֶער מְזוּזָה אִיז מְעוֹרֵר אוֹיף לִיבְּשַׁאפְט אוּן נָאנְטְקֵייט צוּם בּוֹרֵא עוֹלָם.

## וַעֲשִׂיתֶם אֶת כָּל מִצְוֹתָי

**צִיצִית** – חֲזַ"ל (מנחות מג:) זָאגְן אַז דִי מִצְוָה פוּן צִיצִית אִיז "שְׁקוּלָה כְּנֶגֶד כָּל הַמִּצְוֹת", צִיצִית אִיז בְּגִימַטְרִיָּא ת"ר מִיט אַכְט שְׁטְרִיקְן אוּן פִינֶעף קְנִיפְּן אִיז צוּזַאמֶען תַּרְיַ"ג, אוּן וֶוען מֶען טְרָאגְט אוֹיף זִיךְ דִי הֵיילִיגֶע צִיצִית, וֶוערְט דִי מִצְוָה גֶערֶעכְנְט בֵּיי דֶער בַּאשֶׁעפֶער אַזוֹי ווִי אַלֶע מִצְוֹת, כְּאִלּוּ מֶען אִיז מְקַיֵּים אַלֶע תַּרְיַ"ג מִצְוֹת. אוּן אַזוֹי שְׁטֵייט בֵּיי דִי פָּרָשָׁה פוּן צִיצִית (במדבר טו לט) **וּזְכַרְתֶּם אֶת כָּל מִצְוֹת הַשֵּׁם** דוּרְךְ מְקַיֵּים זַיין מִצְוַת צִיצִית, אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ מְקַיֵּם זַיין אַלֶע מִצְוֹת ה', אוּן ווִי בַּאקַאנְט אִיז דֶער צִיצִית דֶער סִימְבָּאל פוּן אַ אִידִישׁ קִינְד, פוּנְקְט ווִי יֶעדֶער סָאלְדַאט גֵייט אָנְגֶעטוֹן מִיט זַיינֶע מוּנְדִירְן, אִיז דֶער הֵיילִיגֶע צִיצִית אוּנְזֶער מוּנְדִירְן, אַזוֹי ווִי חז"ל (שבת נז:) רוּפְן דָאס 'כַּבְלָא דְעַבְדָא' - דִי שְׁטְרִיקְן פוּן אַן עֶבֶד, אַזוֹי אוֹיךְ גֶעפִינֶען מִיר ווִי דִי גְמָרָא (מנחות מג:) רוּפְט דָאס אָן אַ 'חוֹתָם', וָואס מִיט דֶעם אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ אַ נָאנְטְקֵייט אוּן צוּ אַ לִיבְּשַׁאפְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער.

**אַזוֹי** גֶעפוּנֶען מִיר אוֹיף אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ בֵּיי דִי מִצְוָה פוּן צִיצִית (סימן כד סעיף ד) **יֵשׁ נוֹהֲגִין לְהִסְתַּכֵּל בַּצִּיצִית כְּשֶׁמַּגִּיעִים לְוּרְאִיתֶם אוֹתוֹ, וְלִתֵּן אוֹתָם עַל הָעֵינַיִם, וּמִנְהָג יָפֶה "וְחִבּוּבֵי מִצְוָה", גַּם נוֹהֲגִים קְצָת לְנַשֵּׁק וכו'** "**וְהַכֹּל הוּא חִבּוּב מִצְוָה**" מֶען פִירְט זִיךְ צוּ קוּקְן אוּן קִישְׁן דִי צִיצִית, אַלְס חִבּוּב מִצְוָה ווייל מֶען הָאט לִיבּ דֶער מִצְוָה פוּן צִיצִית.[ב]

**ב.** די פוסקים (משנ"ב סק"ז) ברענגן דארט אראפ פון די קדמונים אז איינער וואס לייגט די ציצית

### חוּט הַמְשֻׁלָּשׁ לֹא בִמְהֵרָה יִנָּתֵק

**כְּלַל** יִשְׂרָאֵל אִיז אַרוּם גֶענוּמֶען מִיט אַן אוֹיסְטֶערְלִישֶׁע לִיבְּשַׁאפְט, פוּן הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא. מִיט דֶער דָאזִיגֶע לִיבְּשַׁאפְט, דֶער אַהֲבָה בַּתַּעֲנוּגִים, דָאס עֶרְמֶעגְלִיכְט אוּנְז צוּ קֶענֶען מְקַיֵּים זַיין דִי תּוֹרָה אוּן מִצְוֹת, דֶערְפַאר צִינְדְן מִיר אָן דִי חֲנֻכָּה לִיכְט בַּיים טִיר נֶעבְּן דִי מְזוּזָה, ווייל דֶער שֵׁיינְקֵייט פוּן דִי מְזוּזָה שַׁיינְט אַרוֹיס פוּן אֵיין זַייט, אוּן דֶער זִיסְקֵייט פוּן דִי חֲנֻכָּה לִיכְט שַׁיינְט אַרוֹיס דִי צְווֵייטֶע זַייט, אוּן דֶער מֶענְטְשׁ אִינְדֶערְמִיט אָנְגֶעטוּן מִיטְן צִיצִית דָאס אַלֶעס ווייזְט ווי אַ שְׁטַארְקֶע אַהֲבָה כְּלַל יִשְׂרָאֵל אִיז אַרוּם גֶענוּמֶען פוּן השי"ת. בִּפְרָט אוֹיף חֲנֻכָּה וָואס אִיז גֶעווִידְמֶעט זִיךְ צוּ פְרֵייעֶן אוֹיף דִי נִסִּים וָואס הָאבְּן פַּאסִירְט, 'יְמֵי הַלֵּל וְשִׂמְחָה' (לשון הרמב"ם פ"ג הל' חנוכה ה"ג) אוּן וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט נִסִּים ווייזְט זִיךְ אַרוֹיס אַהֲבָה אוּן לִיבְּשַׁאפְט.[ג]

### בְּאַהֲבָה בּוֹז יָבוּזוּ לוֹ

**עֶס** שְׁטֵייט אִין גְּמָרָא (מנחות מג:) **תָּנוּ רַבָּנָן חֲבִיבִין יִשְׂרָאֵל שֶׁסִּבְּבָן הקב"ה בְּמִצְוֹת, תְּפִלִּין בְּרָאשֵׁיהֶן וּתְפִלִּין בִּזְרוֹעוֹתֵיהֶן, וְצִיצִית בְּבִגְדֵיהֶן, וּמְזוּזָה לְפִתְחֵיהֶן.** מִיטְ'ן לִיבְּשַׁאפְט פוּן הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא צוּ אוּנְז הָאט עֶר אוּנְז גֶעגֶעבְּן תְּפִלִּין אוּן צִיצִית מִיט מְזוּזָה צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג אַרוּם גֶענוּמֶען מִיט מִצְוֹת. דִי מִצְוֹת וָואס הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא גֶעגֶעבְּט אוּנְז אִיז צוּ מְקַיֵּים זַיין מִיט אַ פְרֵיילִיכְקֵייט אוּן מִיט אַ חֵשֶׁק צוּ טוּן דֶעם רְצוֹן הַשֵּׁם. דָאס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַזֶעלְכֶע טֵייעֶרֶע מִצְוֹת וָואס זָאל אוּנְז שְׁטֶענְדִיג אַרוּם נֶעמֶען אוּן בַּאגְלֵייטְן דָאס בְּרֶענְגְט אַרוֹיס דֶער גֶעוַואלְדִיגֶע חֲבִיבוּת

---

אויף זיינע אויגן ווען ער ליינט די פרשה פון ציצית "יהא מובטח שלא יבוא לידי סומא" איז ער פארזיכערט אז ער וועט נישט ווערן בלינד.

איינער פון די גדולים האבן געזאגט אז דאס גייט ארויף דוקא אויב מען היט ריכטיג אפ די מצוות, און מען פארגעסט נישט די די תורה. ווייל אין די פרשה פון ציצית שטייט "וזכרתם את כל מצוות", זאלסט געדענקן דער מצוות ה', אבער אויב מען פארגעסט חלילה וחס די מצוות השם, העלפט נישט דער הבטחה. "שכח" – פארגעסן איז דער זעלבע אותיות פון "חשך" – טונקל וואס פארטונקלט די אויגן.

דער זעלבע בחינה איז אויך ביים לויבן און דאנקן דעם באשעפער אויף אלע חסדים וואס מיר געניסן א גאנצע צייט, מען דארף זען צו געדענקן און לויבן און נישט חלילה פארגעסן, דער ראשי תיבות פון **ש**'כן **ח**'ובת **כ**'ל **ה**'יצורים איז שכחה, עס ליגט א חיוב אויף יעדער מענטש צו געדענקן צו דאנקן און לויבן להודות להלל ולשבח...

**ג.** מען זעט א רמז אין די סדרה צו דעם געדאנק, 'ויהי' איז א לשון פון 'צער', 'מקץ' מיינט צום 'סוף', אויב וויל מען אז צום ענדע זאל אוועק גיין אלע צער און צרות וואס מען האט, קען מען דאס אויס'פועל'ן ביי די חנוכה ליכט, דורך שנתים ימים וואס דאס איז ראשי תיבות **שמאל נר תדליק ימין מזוזה** (דער ר"ת ווערט שוין דערמאנט אין שלטי גיבורים תחילת פרק במה מדליקין).

וָואס דֶער רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הָאט צוּ אוּנְז, אוּנְז הָאבְּן דֶער גֶעלֶעגְנְהֵייט צוּ זַיין כְּסֵדֶר מְקֻשָּׁר צוּ השי"ת, חֲבִיבִין יִשְׂרָאֵל![ד]

## יוֹסֵף אִין מִצְרַיִם

**מִיר** לֶערְנֶען אִין דִי פַּרְשִׁיּוֹת דֶער כֹּחַ פוּן יוֹסֵף הַצַּדִּיק אוּן וֶועגְן זַיין גְרוֹיסְקֵייט אוּן קְדֻשָּׁה, וָואס כָאטְש עֶר הָאט גֶעוואוֹינְט אִין אַ מָקוֹם זֻהֲמָה אִין מִצְרַיִם וָואס אִיז גֶעוֶוען אָנְגֶעפִילְט מִיט פַארְדָארְבְּנְקֵייט אוּן תּוֹעֵבָה, דָאךְ הָאט עֶר זִיךְ גֶעהַאלְטְן הֵיילִיג אוּן פֶעסְט אִין אַלֶע אוּמְשְׁטֶענְדְן, סֵיי וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען אַן עֶבֶד, אַן אַלְגֶעמֵיינֶע קְנֶעכְט, סֵיי וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען אֵיינְגֶעשְׁפַּארְט אִין תְּפִיסָה, טִיף אִין גְרוּבּ, אוּן אַפִילוּ וֶוען עֶר הָאט בַּאדִינְט אִין מִצְרַיִם דִי פָאלְק מִיט זַיין גְרוֹיסֶע פָּאזִיצְיֶע אִינֶערְהַאלְבּ דִי מְלוּכָה, פוּנְדֶעסְט וֶועגְן הָאט עֶר זִיךְ שְׁטֶענְדִיג גֶעהַאלְטְן הֵיילִיג בִּקְדֻשָּׁתוֹ, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין מִדְרַשׁ (רבה פרשת ויגש צד) וֶוען יַעֲקֹב הָאט זִיךְ גֶעטְרָאפְן מִיט זַיין בַּאלִיבְּטְן זוּן יוֹסֵף הַצַּדִּיק, הָאט עֶר גֶעזָאגְט "**עוֹד יוֹסֵף בְּנִי חַי**, יוֹסֵף אִיז גֶעבְּלִיבְּן לֶעבְּן **עֲדַיִן הוּא עוֹמֵד בְּצִדְקוֹ** עֶר אִיז גֶעבְּלִיבְּן בֵּיים תּוֹרָה'דִיגֶע עֶרְלִיכֶער לֶעבְּן".

## אַהֲבָה מְקַלְקֶלֶת אֶת הַשּׁוּרָה

**דֶער** וֶועג וִוי אַזוֹי יוֹסֵף הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעפִירְט, פַּארלַאנְגְט אַבִּיסְל מַחֲשָׁבָה אַרֵיין צוּ טְרַאכְטְן, וִוי אַזוֹי הָאט זִיךְ יוֹסֵף טַאקֶע גֶעקֶענְט הַאלְטְן פְרוּם אוּן עֶרְלִיךְ בִּקְדֻשָּׁה אִין אַזַא שְׁוֶוערֶע פְּלַאץ אַזוֹי לַאנְג? וִוי אַזוֹי הָאט עֶר זִיךְ גֶעקֶענְט אַקֶעגְן שְׁטֶעלְן אוּן בֵּיישְׁטֵיין אַלֶע נִסְיוֹנוֹת, וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען אָפְּגֶעזוּנְדֶערְט פוּן זַיין מִשְׁפָּחָה אוּן אַרוּם גֶענוּמֶען מִיט אַנְגְסְט אוּן שְׁוֶועריִקֵייטְן?

**דִי** סְפָרִים הק' עֶרקְלֶערְן אַז דִי אַהֲבָה פוּן זַיין טַאטֶע יַעֲקֹב אָבִינוּ, דִי גֶעוַואלְדִיגֶע גְרוֹיסֶע לִיבְּשַׁאפְט אִיז אִים שְׁטֶענְדִיג גֶעוֶוען פַאר דִי אוֹיגְן. עֶר הָאט שְׁטֶענְדִיג גֶעטְרַאכְט פוּן זַיין גְרוֹיסֶע פָּאטֶער אוּן דִי לִיבְּשַׁאפְט וָואס זַיין טַאטֶע הָאט אַרֵיין גֶעלֵייגְט אִין

---

**ד.** דער רמב"ם (אין ספר המורה) פרעגט ווי אזוי איז מעגליך צו ארבעטן אויף ליב האבן דער אייבערשטער, אהבה איז דאך א מציאות – א פאקט, איז ווי אזוי קען מען בעטן און צילן צו ליב האבן דער אייבערשטער, ער ענטפערט אז כלל ישראל מיט השי"ת איז בעצם איין זאך מקושר איינער צום אנדערן, נאר מיט אונזער עבירות טוהן מיר זיך אליין אפטיילן און זיך דערווייטערן פון הקב"ה, און אונזער פליכט איז זיך אויס צו וואשן און תשובה טון כדי צו ווערן נאנטער צום באשעפער און דורך דעם אטאמאטיש צוריק אויפוועקן די נאטירליכן ליבשאפט וואס איז טיף אין הארץ.

דער באר מים חיים (פר' כי תשא) ערקלערט דאס מיט א משל צו א שטיקל האלץ וואס איז צובראכן געווארן, קען מען צוריק קלעבן די שטיקל זייער לייכט, ווייל אויף דער זעלבע וועג ווי אויז עס איז צובראכן געווארן אויף דער זעלבע וועג לייגט מען עס צוריק, אבער אויב דער שטיקל האלץ איז אנגעשמירט און שמוציג דאן וועט עס נישט צוריק גיין אזוי לייכט, נאר מען דארף עס גוט אפוואשן און אפרייניגן און דערנאך קען מען עס לייכטערהייט צוריק שטעלן אויפן פלאץ.

אִים. מִיט אַזוֹי פִיל לִיבְּשַׁאפְט אַרוּם גֶענוּמֶען קֶען מֶען בֵּייִשְׁטֵיין דִי גְרֶעסְטֶער נִסְיוֹנוֹת אוּן אַלֶע צֵייטְן, אוּן ווִי אִימֶער. דֶער דְּמוּת דְּיוֹקְנוֹ שֶׁל אָבִיו אִיז אִים שְׁטֶענְדִיג גֶעלֶעגְן פַאר דִי אוֹיגְן, כְּאִילוּ זַיין טַאטֶע קוּקְט פוּן פֶענְסְטֶער, אוּן אַזוֹי הָאט עֶר שְׁטֶענְדִיג גֶעלֶעבְּט.[ה]

**ווֶען** עֶס אִיז אִים אוּנְטֶער גֶעקוּמֶען דִי נִסָּיוֹן פוּן אֵשֶׁת פּוֹטִיפַר הָאט עֶר גֶעזָאגְט קְלָאר אוּן מִיט שְׁטָאלְץ אַ דְרֵייפַאכִיגֶע "וַיְּמָאֵן"[ו] וָואס אִין דֶעם וָוארְט וַיְּמָאֵ"ן לִיגְט דֶער זְכוּת ווִי אַזוֹי עֶר הָאט דָאס גֶעקֶענְט אַרוֹיס זָאגְן מִיט אַזַא פֶעסְטְקֵייט, וַיְּמָאֵ"ן אִיז רָאשֵׁי תֵּבוֹת, **מַ**'ה **יָּ**'פִית **וּ**'מַה **נָּ**'עַמְתְּ **אַ**'הֲבָה, דָאס שֵׁיינְקֵייט אוּן זִיסְקֵייט אוּן לִיבְּשַׁאפְט וָואס זַיין טַאטֶע הָאט אַרֵיין גֶעהָארֶעוֶועט אִין דִי עֶרְשְׁטֶער זִיבֶּעצְן יָאר פוּן זַיין לֶעבְּן אִין יוֹסֵף, דָאס הָאט אִים גֶעגֶעבְּן דֶער כֹּחַ צוּ בֵּייקוּמֶען אוּן בְּלֵייבְּן מִיטְ'ן אִידִישֶׁע הֵיילִיגְקֵייט אוֹיף דִי גַאנְצֶע לֶעבְּן.

### זָכוֹר זֹאת לְיַעֲקֹב

**עֶס** שְׁטֵייט אִין רש"י (לז ב) **וְכָל מַה שֶּׁאֵרַע לְיַעֲקֹב אֵרַע לְיוֹסֵף** אַלֶעס וָואס הָאט פַּאסִירְט צוּ יַעֲקֹב הָאט פַּאסִירְט צוּ זַיין זוּן יוֹסֵף, יַעֲקֹב הָאט אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן אַ פּוּנְקְטְלִיכְן ווֶעג ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ בַּאגֵיין אִין יֶעדֶער מַצָּב אוּן אִין יֶעדֶע נִסָּיוֹן.

**אוּן** אַזוֹי אוֹיךְ שְׁטֵייט אִין חֲזַ"ל (בְּרֵאשִׁית רַבָּה פד ח מובא ברש"י) **כָּל מַה שֶּׁלָּמַד מִשֵּׁם וָעֵבֶר מָסַר לְיוֹסֵף**, יַעֲקֹב אָבִינוּ הָאט אוֹיסְגֶעלֶערְנְט יוֹסֵף ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן אִין אַלֶע אוּמְשְׁטֶענְדְן, דוּרְךְ דֶעם וָואס יַעֲקֹב הָאט אַרֵיין גֶעלֵייגְט אִין יוֹסֵף אַ לִיבְּשַׁאפְט אוּן אָנְוֵוייזוּנְג וָואס הֵייסְט אַ מִצְוָה אוּן ווִי אַזוֹי בֵּיי צוּ שְׁטֵיין אַ נִסָּיוֹן, אוּן דֶער גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט ווֶען מֶען אִיז עוֹמֵד בְּנִסָּיוֹן, אוּן ווֶען מֶען גֵייט אִין דִי ווֶעגְן פוּנֶעם רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם.

### אַרֵיין צוּ לֵייגְן לִיבְּשַׁאפְט

**דֶער** פְלִיכְט פוּן אַ טַאטֶע אִיז אַרֵיין צוּ לֵייגְן אִין זֵיינֶע קִינְדֶער אַהֲבַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ.

---

**ה.** אזוי שטייט אין גמרא (סוטה לו:) "באותה שעה באתה דיוקנו של אביו ונראתה לו בחלון" יוסף האט געזען יעקב פונעם פענסטער. בדרך רמז קען מען זאגן בחלו"ן איז ראשי תיבות ח'נוכה ל"ו נ'רות, דורך דעם וואס מען צינדט אן דער חנוכה ליכט ביים פענסטער [אדער ביים טיר וואו מענטשען זען] ווערט נתעורר דער אהבה פון השי"ת צו כלל ישראל, פונקט ווי ביי יוסף וואס האט זיך דערמאנט פון זיין טאטע'ס ליבשאפט.

**ו.** אין די תורה איז דער ווארט וימאן מיט דער טראפ פון א שלשלת – א קייט, דאס קומט אונז צו ווייזן אז יוסף איז געווען א קייט געקנופט און געבינדן מיט זיין טאטע יעקב, און יעקב איז געווען מקושר צו זיינע עלטערן, און אזוי האט ער זיך געקענט האלטן אין אלע צייטן, אזוי ווי עס שטייט אין חז"ל (ברשית רבה פ' ל"ט) אז יעקב האט איבער געגעבן פאר יוסף דער כח פון בענטשען און אנוואונטשען א צווייטע, "שמפתח הברכות היה ביד אברהם ומסרו ליצחק ויצחק מסרו ליעקב ויעקב מסרו ליוסף".

און דָאס אִיז אוֹיסְדְרִיקְלֶעךְ פוּן דִי ווִיכְטִיגֶעסְטֶע זַאכְן וָואס דִי עֶלְטֶערְן דַארְפְן מְחַנֵךְ זַיין, אַרוֹיס וֵוייזְן "לִיבְּשַׁאפְט", לִיבּ הָאבְּן דִי תּוֹרָה, לִיבּ הָאבְּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, און דִי מִצְוֹת.

**מִיט** לִיבְּשַׁאפְט גֶעבְּט מֶען פַאר דִי קִינְדֶער אַלֶעס, וֶוען מֶען גֶעבְּט אִיבֶּער דִי לִיבְּשַׁאפְט וָואס מֶען הָאט צוּ דִי תּוֹרָה און צוּ דִי הֵיילִיגֶע מִצְוֹת, דַאן פֶעלְט שׁוֹין נִישְׁט אוֹיס אַלֶע אַנְדֶערֶע זַאכְן. אוֹיבּ אַ קִינְד בַּאקוּמְט לִיבְּשַׁאפְט פוּן זַיינֶע עֶלְטֶערְן הָאט עֶר זֵיי לִיבּ צוּרִיק כְּמַיִם פָּנִים אֶל פָּנִים און עֶר הָאט לִיבּ דָאס וָואס זֵיי הָאבְּן לִיבּ – דִי תּוֹרָה וּמִצְוֹת.

**אִין** פָּסוּק שְׁטֵייט (דברים ל ו) **וּמָל ה' אֱלֹקֶיךָ אֶת לְבָבְךָ וְאֶת לְבַב זַרְעֶךָ לְאַהֲבָה אֶת ה' אֱלֹקֶיךָ וגו'** זָאלְסְט אָנְפִילְן דִי הֶערְצֶער פוּן דֵיינֶע קִינְדֶער מִיט לִיבְּשַׁאפְט צוּם רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, **בְּכָל לְבָבְךָ וּבְכָל נַפְשֶׁךָ**, מִיטְ'ן גַאנְצְן הַארְץ און מִיטְ'ן גַאנְצֶע זֶעל, אַלֶע גְלִידֶער זָאלְן שְׁטְרֶעבְּן צוּ לִיבּ הָאבְּן צוּ טוּן מִצְוֹות און מַעֲשִׂים טוֹבִים, לִיבּ הָאבְּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, און דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק **וְאֶת לְבַב זַרְעֶךָ**, דֶער וֶועג ווִי אַזוֹי אִיבֶּער צוּ גֶעבְּן פַאר דִי קִינְדֶער דֶער עֲבוֹדַת הַשֵּׁם און דָאס גֶעפִיל צוּם בַּאשֶׁעפֶער, אִיז דוּרְךְ **לְאַהֲבָה אֶת ה' אֱלֹקֶיךָ** מִיט לִיבְּשַׁאפְט אַהֲבַת הַשֵּׁם.[ז]

## חֲנֻכָּה - מִלְשׁוֹן חִנּוּךְ

**חֲנֻכָּה** אִיז סְפֶּעצִיֶעלֶע צֵייט צוּ קֶענֶען פַארְבְּרֶענְגֶן מִיט דִי קִינְדֶער, אַרֵיין גֶעבְּן אִין זֵיי לִיבְּשַׁאפְט אַ גֶעשְׁמַאק צוּ אַ מִצְוָה, אַ גֶעשְׁמַאק צוּם בַּאשֶׁעפֶער, אַ זִיסְקֵייט אִין דַאוֶוענֶען, אַ חֶשְׁקַת הַתּוֹרָה און צוּ לִיבּ הָאבְּן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, דֶער יוֹם טוֹב חֲנֻכָּה אִיז אַ גֶעווִידְמֶעט אוֹיף אַהֲבָה פוּן כְּלַל יִשְׂרָאֵל צוּם בַּאשֶׁעפֶער, מְחַנֵךְ זַיין דִי קִינְדֶער לְתוֹרָה וַעֲבוֹדָה, הָרָגִיל בְּנֵר הַוְיָן לֵהּ בָּנִים תַּלְמִידֵי חֲכָמִים.

**עֶס** שְׁטֵייט אִין של"ה הַקְ' (עניני חנוכה) אַז אוֹיף חֲנֻכָּה אִיז דֶער צֵייט צוּ זִיצְן מִיט דִי קִינְדֶער און דֶערְצֵיילְן דִי נִסִּים וָואס דֶער רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הָאט גֶעמַאכְט פַאר דִי חֲשְׁמוֹנָאִים און פַאר כְּלַל יִשְׂרָאֵל. פַארְבְּרֶענְגֶן מִיט זֵיי בֵּיי דִי חֲנֻכָּה לִיכְט, עֶס אִיז אַ צֵייט צוּ בּוֹיעֶן אַ קֶשֶׁר פוּן אַ טַאטֶע צוּ אַ קִינְד דוּרְךְ שִׂמְחָה און אַהֲבָה.[ח]

---

**ז.** אין שו"ת דברי מלכיל (ח"ה סימן רס) איז דא א פסק אויף איינער וואס איז געווען גאר א חשוב'ער שוחט אין א געוויסע שטאט, און ער האט געשיקט זיין קינד צו שטודירן, און זיין קינד איז ליידער א מחלל שבת, פסק'נט ער דארט אז מען טאר נישט עסן פון זיין שחיטה, און אלעס וואס ליגט אין זיין הויז איז טריפה. אפילו ער גייט אנגעטון ווי א חשוב'ער מענטש און קוקט אויס זייער וואויל, אבער וויבאלד עס גייט אים נישט אן דער חינוך פון זיין קינד, מוז זיין אז ער אליין איז אויך פארדאבן, ווייל א טאטע האט דאך ליב זיין קינד, איז ווי קען זיין אז ער שיקט זיין קינד צו אזא פלאץ, ווי קען ער דאס צולאזן? אלא מאי מוז זיין אז דער תורה ומצוות איז נישט חשוב ביי אים.

**ח.** עס שטייט אין בעל הטורים אויפן פסוק "ונפשו קשורה בנפשו" (מד ל) "ב' במסורה אולת

## שְׁמִירַת שַׁבָּת בְּשִׂמְחָה

**די** גְּדוֹלֵי יִשְׂרָאֵל אִין אַמֶעריקַא הָאבְּן גֶעזָאגְט אַז פוּן די וָואס זֶענֶען בַּייגֶעשְׁטַאנֶען די נִסָּיוֹן פוּן שְׁמִירַת שַׁבָּת אִין די בְּרֵאשִׁית יָארְן אִין אַמֶעריקָא, דורךְ אָפְּהִיטְן דֶעם הֵיילִיגְן שַׁבָּת, אוּן נִישְׁט אַרְבֶּעטְן אִין דֶער הֵיילִיגֶער טָאג, זֶענֶען אָבֶּער פִּיל פוּן זֵייעֶרֶע דורות ווייטער שוין נִישְׁט גֶעוֶוען אִידִישְׁלֶעךְ אוּן פְרוּם, וויבאלד דער טאטע פְּלֶעגְט אַהֵיים קוּמֶען עֶרֶב שַׁבָּת אִינְגַאנְצֶען צֶעבְּרָאכְן אוּן פַארְזָארְגְט פוּן וואו ער גייט שַׁאפְן פַּרְנָסָה, ווייל אויב עֶר קוּמְט נִישְׁט אַרֵיין שַׁבָּת צוּם אַרְבֶּעט, וֶוערְט עֶר גֶעוָוארְפְן פוּנֶעם אַרְבֶּעט, אוּן בְּמֶשֶׁךְ שַׁבָּת פְּלֶעגְט עֶר זִיךְ אַרוּם דְרֵייעֶן אִינְגַאנְצֶען פַארְ'דַאגָה'ט אוּן עֶר הָאט גֶעהִיטְן שַׁבָּת לֵיידֶער זֵייעֶר בְּעַצְבוּת אוּן טְרוֹיעֶרִיג, צוליב דֶעם וָואס עֶר הָאט גֶעדַארְפְט אוֹיפְגֶעבְּן אויף זַיין פַּרְנָסָה, אוּן דֶער אַטְמָאסְפֶער אִין שְׁטוּבּ אִיז אַרִיבֶּער צוּ די קִינְדֶער. אַנְשְׁטָאטְס צוּ בַּאקוּמֶען אַ לִיבְּשַׁאפְט אוּן אַ וַוארֶעמְקֵייט צוּ דֶער מִצְוָה פוּן שְׁמִירַת שַׁבָּת, הָאבְּן זֵיי בַּאקוּמֶען אַ גֶעפִיל פוּן זַיין אָנְגֶעבִּיטֶערְט אוּן פַארְזוֹיעֶרְט, אוּן וויבאלד זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעזֶען קֵיין גֶעשְׁמַאק מִיט אַ לִיבְּשַׁאפְט צוּ דֶער הֵיילִיגֶע מִצְוָה פוּן שְׁמִירַת שַׁבָּת, הָאבְּן זֵיי לֵיידֶער פַארְשְׁוֶועכְט דֶעם הֵיילִיגְן שַׁבָּת.

**אָבֶער** די וָואס פְלֶעגְן אַהֵיים קוּמֶען מִיט אַ שִׂמְחָה, אוּן מִיט אַ פְרֵיילִיכְקֵייט אוּן מִיט אַ שְׁטַייפֶער הַחְלָטָה, אַז מִיר וֶועלְן בְּלַייבְּן הִיטְן דֶעם שַׁבָּת אוּן נִישְׁט מַפְקִיר זַיין אוּנְזֶער אִידִישְׁקֵייט טְרָאץ וָואס מִיר וֶועלְן נִישְׁט הָאבְּן קֵיין פַּרְנָסָה, פוּן אַזֶעלְכֶע פְרֵיילִיכֶער טַאטֶע'ס זֶענֶען אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען דוֹרוֹת וָואס הָאבְּן גֶעווּאוּסְט פִּינְקְטְלִיךְ ווי אַזוֹי צוּ אָפְּהִיטְן דֶעם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, אוּן דֶער חֲשִׁיבוּת פוּן אַ מִצְוָה.[ט]

---

קשורה בלב נער (משלי כב טו) מפני שאולתו קשורה, צריך שתהא נפשו קשורה בנפשו של אביו כדי לחנכו", כדי צו מחנך זיין די קינדער דארף יעדע טאטע אליין אריין לייגן כוחות אין די קינדער, זיין נאנט מיט די קינדער, פארברענגן מיט די קינדער, אויסהערן די קינדער, און לערנען מיט זיי.

**ט.** עס איז געווען א איד וואס האט געהייסן רבי ניסן פילטשיק ז"ל ער איז געווען א ווארימער חסידישער איד, א פארצייטישע סטאלינער חסיד, וואס האט געוואוינט אין אמעריקא, יעדן ערב שבת איז ער געווארן געווארפן פון זיין ארבעט, ווייל ער האט נישט מסכים געווען צו ארבעטן אויף שבת, און אזוי האט ער יעדע וואך פון פריש געדארפט זוכן א נייע מיטל צו ברענגן פרנסה אין שטוב, ער פלעגט אהיים קומען יעדן וואך בעפאר שבת, און במשך א גאנצע שבת פלעגט ער טאנצן מיט זיינע קינדער און זיי געבן גוטע נאשערייען און זיך אויפגעפירט ווי א יו"ט, צוליב דעם וואס ער האט זיך געקענט איינהאלטן און נישט מחלל שבת זיין, ער פלעגט אסאך מאל באקומען אן אפציעלע צעטל ווי מען איז אים מודיע אז ער איז אנטגאזט פון דער ארבעט, די צעטלעך פלעגט ער אויפהענגן אין זיין סוכה אלץ נוי סוכה...

מען דערציילט אויף א איד וואס האט זיך מוסר נפש געווען אין יענע צייטן אין אמעריקא און נישט געארבעט אויף שבת קודש, און צוליב דעם האט ער נישט געהאט קיין געלט צו צאלן

## יוֹסֵף הָאט אֵייבִּיג לִיבּ גֶעהַאט זֵיינֶע בְּרִידֶער

**דֶער** עִנְיַן טְרֶעפְן מִיר אוֹיךְ בֵּיי יוֹסֵף הַצַּדִּיק מִיט דִי בְּרִידֶער, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין אוֹר הַחַיִּים הַקָ' (מה ד) וֶוען יוֹסֵף הָאט זִיךְ אַנְטְפְּלֶעקְט פַאר זֵיינֶע בְּרִידֶער אוּן גֶעזָאגְט **אֲנִי יוֹסֵף אֲחִיכֶם אֲשֶׁר מְכַרְתֶּם אֹתִי מִצְרַיְמָה**, הָאט עֶר זֵיי גֶעזָאגְט אַז עֶנְק דַארְפְן נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן, וִוִיבַּאלְד **שֶׁאֲפִילוּ בִּזְמַן הַמֶּכֶר לֹא כָהֲתָה עַיִן הָאַחְוָה מִמֶּנִּי**, אֲפִלוּ אִין דֶער צֵייט וָואס עֶנְק הָאבְּן מִיךְ גֶעפֵּיינִיגְט אוּן פַארְקוֹיפְט, הָאבּ אִיךְ עֶנְק נָאכְאַלְס לִיבּ גֶעהַאט מִיט אַ בְּרִידֶערְלִיכֶער אַהֲבָה.[י]

**מֶען** דַארְף זִיךְ שְׁטַארְק מִתבּוֹנֵן זֵיין אִין דֶער גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגָה פוּן יוֹסֵף הַצַדִּיק, כָאטְשׁ זֵיי הָאבְּן אִים גֶעמַאכְט לֵיידְן שְׁוֶוערֶע צָרוֹת אוּן פֵּיין, זֵיי הָאבְּן אִים אַרֵיין גֶעוָוארְפְן אִין גְרוּבּ, אוּן דֶערְנָאךְ פַארְקוֹיפְט פַאר דִי יִשְׁמְעֵאלִים, מִיט דֶעם אַלֶעם הָאט עֶר זֵיי לִיבּ גֶעהַאט, מֶען זֶעט דָא דֶער גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגָה פוּן נִישְׁט הָאבְּן קֵיין שִׂנְאָה,

פאר א דירה וואו צו וואוינען. מיט מסירות נפש איז ער געגאנגען וואוינען אויפן גאס מיט זיין משפחה, ביז איינער האט אים אריין גענומען אין זיין קעללער וואו ער האט געלעבט ארעם און ענג, דארטן אינעם קעללער זענען געווען אסאך קוילן און דאס האט פארשווארצט די פנים פון אים מיט זיין משפחה.

איינמאל האט איינער געזען איינער פון זיינע קינדער אויפן גאס און זיך געוואונדערט צו זען א אידישע אנגעטועכטס מיט א שווארצע געזוכט, איז ער צוגעגאנגען צו אים און מיט וואונדער האט ער אים געפרעגט "ווער ביסטו?" האט ער געענטפערט אז ער איז א געהעריגע איד, און ער וואוינט ארום גענומען מיט קוילן, צוליב די גרויסע ארימקייט וואס הערשט אין זיין משפחה, וועגן זיין טאטע'ס שמירת שבת, און דערפאר איז זיין פנים פארשווארצט. הערנדיג דאס האט דער איד רחמנות געהאט אויף אים און אים געגעבן פינעף הונדערט דאלער.

ווען דער קינד האט אהיים געברענגט די געלט האט זיין טאטע אים געהייסן מברר זיין פון וואו דער געלט קומט, און אויב עס קומט פון א מחלל שבת וויל ער נישט הנאה האבן פון דעם אפילו איין פרוטה! דער קינד איז צוריק געגאנגען צו דער מענטש און אים עס צוריק געגעבן זאגנדיג אז זיין טאטע וויל עס נישט אננעמען וויבאלד עס קומט פון געלט וואס מען האט פארדינט אויף שבת קודש. יענע נאכט האט דער איד שוין נישט געקענט שלאפן, געפילן פון חרטה און תשובה האבן זיך ארום געדרייט אין זיין קאפ א גאנצע צייט, ביז ער האט מחליט געווען אז ער גייט אויך היטן שבת! דער נעקסטע טאג איז ער איז צוריק געגאנגען צום ארימער איד פונעם קעללער און אים געזאגט "נעם דאס געלט, עס קומט יא פון א איד וואס איז א שומר שבת", צום סוף האבן זיך דער צוויי משפחות משדך געווען איינער מיטן אנדערע.

י. דער קוברינער רבי זי"ע האט געזאגט אז דער אור החיים הקדוש איז געווען אין דער מדריגה, ער האט אלעמאל ליב געהאט יעדער איינער, אפילו זיינע רודפים.

נישט קיין חילוק אין וועלכע אומשטענדן מען געפינט זיך.[יא]

**אפילו** מיר האבן נישט קיין שום השגה אין די שבטי קה, קען מען אבער פרובירן אפלערנען דעם ענין לויט ווי עס שטייט אין די ספרים הקדושים. יוסף איז געווען דער ממשיך און דער רבי פון זיינע ברידער דער שבטי קה, יעקב אבינו האט אים אנגעטון דער כתנת פסים א שיינער אנצונג ווי ס'פאסט זיך פאר א מנהיג. אבער די ברידער האבן קודם געמיינט אז יהודה איז דער ממשיך און דער מנהיג ווייטער, און וועגן דעם האבן זיי געהאלטן אז יוסף איז א מורד במלכות, [אזוי ווי עס שטייט אין רמב"ן פר' וישב] - אבער נאכדעם וואס יוסף איז פארקויפט געווארן האבן זיי שוין אנערקענט אז יעצט איז די צייט וואס יוסף דארף זיין דער מושל, און נישט יהודה, ווי עס שטייט נאך די פרשה פון מכירת יוסף "ויֵרד יהודה - ירד מגדלתו", אבער יוסף האט שוין געוואוסט פון אנפאנג אז עס איז נאכנישט דער צייט פאר יהודה צו קעניגן, און דערווייל דארף ער זיך אויפפירן ווי דער הויפט, ער האט אן אחריות פון א מנהיג, ממילא האט ער געדארפט ליב האבן די ברידער, נאך מער ווי די נאטורליכער ברודערליכער אהבה, ווייל איינער וואס איז דער הויפט, און ער דארף ווייטער איבער געבן די תורה פאר די קומענדיגע דורות, דארף זיך אויפפירן מיט אהבה און מיט געטריישאפט צו זיינע תלמידים, און אזוי קען ער בעסער איבערגעבן די מסורה ווייטער, דערפאר האט יוסף אנגעהאלטן זיין ליבשאפט צו זיינע ברידער די הייליגע שבטי קה, אפילו בשעת די מכירה, און אפילו ווען זיי האבן אים אנגעמאכט שווערע צרות.[יב]

**יא.** דער אור החיים הק' (מה כו) איז מסביר, אז יוסף האט נישט געשיקט א בריוו צו זיין טאטע און אים געלאזט וויסן אז ער לעבט און אז ער געפונט זיך אין מצרים, ווייל ער האט מורא געהאט אז זיינע ברידער וועלן ווערן פארשעמט ווען יעקב ווערט געוואויר ווערן דער מעשה.

אפלו יוסף האט זיך געבענקט נאך זיין טאטע צו לערנען מיט אים די הייליגע תורה, און זיך טרעפן מיט זיין משפחה, אבער ער האט נישט געקענט פועל'ן ביי זיך צו מודיע זיין זיין טאטע, אדער צוריק אהיים גיין ווייל ער האט ליב געהאט זיינע ברידער'ס. דאס איז דאך א געוואלדיגע גרויסע מדרגה וואס מיר אלע דארפן זיך אפלערנען פון דעם צו לעבן מיט פריינדשאפט און ליב האבן איינער דעם צווייטע.

**יב.** פארצייטנס איז געווען דער שטייגער אז אין יעדע פלאץ וואו עס איז געווען פארהאנען א מארק פלאץ – א יריד איז געווען א זייגער הויעך אויף א טורעם, דאס איז געווען די זייגער פון שטאט. איינער פון די מגידים האט אמאל ערקלערט, פארוואס דער זייגער האט געדארפט שטיין אזוי הויעך, ווייל ווען עס וואלט ווען געווען נידריג וואס יעדער וואלט געקענט צוקומען צו דעם, וואלט יעדער איינער גערוקט דער זייגער לויט זיין ווילן, אין א פארנומענע טאג וואס מ'האנדלט און שליסט געשעפטן וואלט יעדער אנגעשטעלט די זייגער לויט ווי ס'איז

**וְהוֹדַעְתָּ לָהֶם אֶת הַדֶּרֶךְ יֵלְכוּ בָהּ**

**מִיר** טְרֶעפְן אִין חֲזַ"ל (תמורה דף טז.) וָוען מֹשֶׁה רַבֵּנוּ אִיז נִפְטַר גֶעוָוארְן, אִיז פַארְגֶעסְן גֶעוָוארְן דְרֵיי הוּנְדֶערְט הֲלָכוֹת פוּן יְהוֹשֻׁעַ בִּן נוּן, אוּן עֶר הָאט גֶעהַאט זִיבְּן הוּנְדֶערְט סְפֵקוֹת, אַלְס רֶעזוּלְטַאט פוּן דֶעם הָאבְּן אַלֶע אִידְן אִים גֶעוָואלְט הַרְגְ'נֶען, וֵוייל אִין אַלֶע דוֹרוֹת דַארְף מֶען שְׁטֶענְדִיג הָאבְּן אַ מַנְהִיג אוּן אַ וֶועג וַוייזֶער, אֵיינֶער וָואס זָאל אוֹיסְלֶערְנֶען דִי תּוֹרָה'דִיגֶע וֶועג, אוּן אִיבֶּער גֶעבְּן דִי רִיכְטִיגֶע מְסוֹרָה. אוּן כְּדֵי צוּ אִיבֶּער גֶעבְּן דִי תּוֹרָה פַאר דִי דוֹרוֹת וַוייטֶער דַארְף מֶען עֶס אִיבֶּער גֶעבְּן מִיט אַ לִיבְּשַׁאפְט אוּן מִיט אַ זִיסְקֵייט, אוּן נָאר אַזוֹי גֵייט עֶס אַרִיבֶּער פוּן אֵיין דוֹר צוּם אַנְדֶערְען עַד סוֹף כָּל הַדּוֹרוֹת.

**יֶעצְט** אִין דִי טֶעג פוּן חֲנֻכָּה, דַארְפְן מִיר אַרוֹיס נֶעמֶען דֶער לִמּוּד אוּן לֶעבְּן ווִי לִיבְּלִיכֶער בְּרִידֶערְ'ס אוּן לִיבּ הָאבְּן אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערֶע, אוּן הָאבְּן אַהֲבַת הַבּוֹרֵא מִיט אַהֲבַת השי"ת, אוּן זוֹכֶה זַיין צוּ אַהֲבָה אַחְוָה שָׁלוֹם וְרֵעוּת.

---

גוט פאר אים, ממילא האט אויסגעפעלט אז דער זייגער זאל זיין אין דער הויעך אז מען זאל נישט צוקומען צו דעם, אזוי אויך פעלט זיך אויס אין יעדער דור אז עס זאלן זיין הויכער זייגער'ס, רבנים און מנהיגים וואס יעדער זאל ארויף קוקן אויף זיי און זיך מכניע זיין, אזוי קענען זיי שטיין על המושמר.

# זֹאת חֲנֻכָּה

## בְּזֹא"ת אֲנִי בוֹטֵחַ

☆ תְּפִלָּה ☆ תְּשׁוּבָה ☆ זֶרַע שֶׁל קַיָּמָא ☆ פַּרְנָסָה ☆ לוּ חָכְמָה יַשְׂכִּילוּ זֹא"ת ☆ הַדְרָן עֲלָךְ יְמֵי חֲנֻכָּה

**מִיר** האַלטְן גֶעצֵיילְטֶער טֶעג אֵיידֶער דֶעם גְרוֹיסְן טָאג "זֹאת חֲנֻכָּה". דֶעריבֶּער וֶועלְן מִיר דָא אַרָאפּ בְּרֶענְגֶען פוּן סְפָרִים וְסוֹפְרִים עֶטְלִיכֶע מַאֲמָרִים אוּן גֶעוַואלְדִיגֶע עִנְיָנִים אִיבֶּער דֶעם גְרוֹיסְן טָאג, אִין דִי סְגוּלוֹת וָואס לִיגְן אִין דִי טָאג.

### תְּפִלָּה

**דֶער** רוּזִ'ינֶער זי"ע הָאט גֶעזָאגְט "דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן דֶעם טָאג, אַז אֲפִילוּ דֶער פְּשׁוּטֶ'ער מֶענְטְשׁ קֶען אוֹיפְטוּן אַזוֹי וִוי גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים, דָאס וָואס צַדִּיקִים קֶענֶען פּוֹעֶלְ'ן רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין יוֹם כִּפּוּר, קֶען אַ פְּשׁוּטֶ'ער מֶענְטְשׁ פּוֹעֶלְ'ן אִין דֶעם גְרוֹיסְן טָאג פוּן זֹאת חֲנֻכָּה".

**זֹאת** חֲנֻכָּה אִיז אַ טָאג וָואס מֶען קֶען זִיךְ אוֹיסְבֶּעטְן יְשׁוּעוֹת מֵעַל דֶּרֶךְ הַטֶּבַע. דֶער מַהֲרַ"ל (נר מצוה חלק ב – ענייני חנוכה ד"ה ועוד יש) עֶרְקְלֶערְט אַז זִיבְּן אִיז דֶּרֶךְ הַטֶּבַע, דֶער בַּאשֶׁעפֶּער הָאט בַּאשַׁאפְן דֶער וֶועלְט אִין זִיבְּן טֶעג, אָבֶּער דֶער נוּמֶער אַכְט דָאס אִיז שׁוֹין הֶעכֶער וִוי דֶער טֶבַע.

**מֶען** קֶען זָאגְן אַ רֶמֶז דָאס וָואס מֶען זָאגְט אִין דִי בִּרְכַּת יוֹצֵר אוֹר, מֶען רֶעכְנְט אוֹיס זִיבְּן שְׁבָחִים, בּוֹרֵא רְפוּאוֹת, נוֹרָא תְהִלּוֹת, א.א.וו. בִּיז מֶען קוּמְט צוּ דֶער אַכְטֶער לוֹיב "אֲדוֹן הַנִּפְלָאוֹת", דָאס וֵוייזְט אַז דֶער נוּמֶער אַכְט אִיז מְסֻגָּל צוּ קֶענֶען פּוֹעֶלְ'ן נִפְלָאוֹת – ווּאוּנְדֶערְלִיכֶער זַאכְן, הֶעכֶער וִוי דֶער טֶבַע.[יג]

### תְּשׁוּבָה

**דִי** סְפָרִים הַקְ' רֶעדְן אַרוּם אִיבֶּער דֶעם גְרוֹיסְקֵייט פוּן תְּשׁוּבָה טָאן אוֹיף דֶעם טָאג. אַ טָאג וָואס מֶען דַארְף אַרַיין טְרַאכְטְן אוּן מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן הַנֶּפֶשׁ, אוּן זִיךְ אוּמְקֶערְן בִּתְשׁוּבָה שְׁלֵמָה צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים. אַזוֹי וִוי סְ'שְׁטֵייט אִין סֵפֶר מָגֵן אַבְרָהָם פוּנֶעם

**יג.** אויף דער זעלבע מהלך קען מען אויך זאגן א רמז דאס וואס מען זאגט אין הלל, מאת ה' היתה **זאת** היא **נפלאת** בעינינו, זאת – איז מרמז אויף זאת חנוכה, וואס דער טאג איז מסוגל צו פועל'ן נפלאות – וואונדערליכער ישועות.

טְרִיסְקֶער מַגִּיד זי"ע דִי וָוארְט 'זֹא"ת' אִיז בְּגִימַטְרִיָּא ת"ח, וָואס דָאס אִיז גֶענוֹי אַזוֹי וִוי דִי וֶוערְטֶער 'צוֹם' 'קוֹל' 'מָמוֹן' וָואס דָאס אִיז מְרַמֵּז אַז אִין דֶער לֶעצְטֶער טָאג פוּן חֲנֻכָּה, דַארְף מֶען עוֹסֵק זַיין בִּתְשׁוּבָה. עֶר טַייטְשְׁ דָאס אַרֵיין אִין דִי קְרִיאָה וָואס מִיר לֵיינֶען אוּם זֹאת חֲנֻכָּה, **זֹאת חֲנֻכַּת הַמִּזְבֵּחַ** (במדבר ז פד) מֶען דַארְף זִיךְ מְחַנֵּךְ זַיין – בַּאנֵייעֶן, צוּ שֶׁחְטְ'ן (מִזְבֵּחַ אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן שֶׁחְטְ'ן) דֶעם יֵצֶר הָרָע, אוּן תְּשׁוּבָה טָאן אוֹיף אַלֶע עֲבֵרוֹת.[יד]

**נָאךְ** אַ רֶמֶז וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין דִי סְפָרִים הַקְדוֹשִׁים אוֹיף דֶעם פָּסוּק (ישעיה כז ט) בְּזֹא"ת יְכֻפַּר עָוֹן, זֹאת חֲנֻכָּה אִיז דֶער טָאג לֶעצְטֶער טָאג וָואס דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז מְקַבֵּל דֶעם תְּשׁוּבָה. בִּיז דֶעם טָאג אִיז נָאךְ דֶער שַׁעֲרֵי רַחֲמִים פוּן דִי יָמִים נוֹרָאִים אָפְן פַאר דִי וָואס ווִילְן זִיךְ אוּמְקֶערְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער.[טו]

## זֶרַע שֶׁל קַיָּמָא

**עֶס** אִיז בַּאקַאנְט וָואס סְ'שְׁטֵייט אִין דִי חֲסִידִישֶׁע סְפָרִים אַז 'זֹאת חֲנֻכָּה' אִיז דֶעם גְּמַר הַחֲתִימָה, דִי טָאג וָואס מֶען קֶען זִיךְ אוֹיסְבֶּעטְן אוּן פּוֹעֶלְן אַ גוּטֶע יָאר, עֶס לִיגְט אִין דֶעם דִי זֶעלְבֶּע סְגוּלוֹת וִוי רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אַזוֹי וִוי סְ'שְׁטֵייט אִין בְּנֵי יִשָּׂשְׂכָר (מאמרי חודש כסלו – טבת, מאמר ב אור תורה אות י) **אֲשֶׁר בַּחֲנֻכָּה יֵשׁ מָקוֹם לְעוֹרֵר פְּקֻדַּת עֲקָרִים וַעֲקָרוֹת כְּעֵין רֹאשׁ הַשָּׁנָה "הִנֵּה לְדַעְתִּי עִקַּר הָעִנְיָן – עִקַּר הַסְּגוּלָה, בַּיּוֹם הָאַחֲרוֹן הַנִּקְרָא בְּפִי כָּל זֹאת חֲנֻכָּה"** חֲנֻכָּה זֶענֶען טֶעג וָואס מֶען קֶען גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט קִינְדֶער, אַזוֹי וִוי דִי טֶעג פוּן רֹאשׁ

**יד.** הרה"ק רבי מאטלע מנדבורנא זי"ע פלעגט טייטשן די פסוק (בראשית לג יז) **ויעקב נסע סכתה** יעקב אבינו האט געצויגן דעם גמר החתימה פון סוכות – הושענא רבא, ביז **ויבן ל"ו בית** חנוכה וואס מען צינדט אן זעקס און דרייסיג ליכט, ביז סוף חנוכה קען מען נאך טרעפן דעם וועג פאר תשובה לייכטערהייט.

**טו.** דער סקאליא רבי שליט"א דערציילט א שיינע משל וואס ברענגט ארויס דער וויכטיגקייט צו תשובה טאן אין זאת חנוכה.

דער וואס טוט עבירות און ער ווערט לײדער אריינגשלעפט אין די באן פון עבירה גוררת עבירה, דער איז אזוי ווי א וואגן וואס פארט פון איין שטאט צום אנדערן, און אין יעדער שטאט וואו דער וואגן שטעלט זיך אפ, גייען אראפ עטליכע מענטשען, ביז דער וואגן קומט אן צום לעצטע סטאנציע, רופט דער בעל עגלה אויס, "דאס איז דער לעצטע סטאנציע, און ווער עס גייט נישט יעצט אראפ, וועט דארפן בלייבן דא צוגעשפארט, ביז דעם קומענדיגע נסיעה".

עס זענען געווען אסאך סטאנציע וואו מען האט געקענט אראפ לאדענען אלע עבירות, אלול, ראש השנה, עשרת ימי תשובה, יום כיפור, הושענא רבה, אצינד האלט מען ביים לעצטע סטאנציע, וואס דאס איז זאת חנוכה, "ווער עס טוט נישט יעצט תשובה, פארפאסט די געלעגנהייט, די טיר איז נאך אפן, מען קען נאך אראפ ווארפן אלע עבירות, און ווער עס גייט נישט יעצט אראפ, וועט זיין אסאך שווערע צו תשובה טאן". מען דארף אויסנוצן דער געלעגנהייט.

הַשָּׁנָה וָואס זֶענֶען מְסֻגָּל צוּ גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט קִינְדֶער, סְפֶּעצִיעֶל אִין דֶעם טָאג זֹאת חֲנֻכָּה, וָואס דֶער עִקָּר סְגוּלָה לִיגְט אִין דֶעם טָאג.[טז]

**אֲפִילוּ** דִי וָואס הָאבְּן שׁוֹין קִינְדֶער, אִיז אוֹיךְ אַן עֵת רָצוֹן צוּ מִתְפַּלֵּל זַיין פַאר גוּטֶע קִינְדֶער, צוּ זֶען אִידִישׁ נַחַת פוּן דִי קִינְדֶער. מֶען קֶען זִיךְ אוֹיסְבֶּעטְן אוֹיף דִי דוֹרוֹת, אַז מֶען זָאל קֶענֶען עֶרְצִיעֶן עֶרְלִיכֶער קִינְדֶער לַה' וּלְתוֹרָתוֹ, אוֹיף דִי תּוֹרָה'דִיגֶע רֶעלְסְן.

## פַּרְנָסָה

**עֶס** שְׁטֵייט אִין אִמְרֵי נֹעַם אַז דִי טָאג 'זֹאת חֲנֻכָּה' אִיז מְסֻגָּל אוֹיף עֲשִׁירוּת. דִי פָּסוּק (דברי הימים א' כט יא) רֶעכְנְט אוֹיס דִי

**טז.** אין שטאט באלוחוב האט געוואוינט א בעל הבית וואס האט געהייסן ר' אלמילך ריינהארץ ער האט ליידער נישט זוכה געווען צו האבן קינדער. ער פלעגט שטענדיג קומען צו הרה"ק ר' יצחק אייזיק מזידיטשויב זי"ע זיך אויסגיסן זיין ביטער הארץ, אבער יארן זענען געלאפן און ער איז נישט געהאלפן געווארן. איינמאל ווען ער איז אריין צו זיין רבי, האט ער אפגעמאכט אז ער גייט נישט ארויס ביז ווילאנג ער באקומט א צוזאג אז ער גייט האבן קינדער. אזוי שטייענדיג פאר זיין גרויסער רבי און וויינט זיך אויס אויף זיין מצב, רופט זיך דער רבי אן "געב מיך צוויי און פופציג מטבעות, און דו וועסט אי"ה געהאלפן ווערן מיט קינדער".

דער בעל הבית ר' אלימלך האט גלייך ארויס גענומען פון זיין טאשקע די דאזיגע סומע און עס דערלאנגט פאר'ן רבי, דער רבי האט אים געבענטש און ער איז אהיים געפארן. אבער עס איז פארביי געגאנגען א שטיק צייט, און ער האט נאכנישט געזען די ישועה.

ער איז ווידער צוריק געפארן צום רבי'ן, און ער האט געבעטן אז דער רבי זאל אים 'צוזאגן' אז ער גייט האבן קינדער. האט אים דער רבי געזאגט "קום צוריק זאת חנוכה", פארשטייט זיך אז דער חסיד איז צוריק געקומען זאת חנוכה, אבער צו זיין ערשטוינונג האט אים דער רבי געזאגט "צו דען איז נאר דא איין זאת חנוכה? אויב דו וועסט נישט געהאלפן ווערן דער זאת חנוכה, קען זיין אין יאר אדער צוויי יאר אום זאת חנוכה וועסטו געהאלפן ווערן".

ער האט זיך צוריק געקערט אהיים אינגאנצען צעקלאפט, אבער ער האט גארנישט געקענט טון אויסער צוווארטן פאר דער קומענדיגע זאת חנוכה, אבער אינמיטן יאר איז הרה"ק ר' יצחק אייזיק מזידיטשויב זי"ע נפטר געווארן.

אזוי זענען די יארן געלאפן גאנצע זיבצען יאר נאך וואס זיין רבי איז אוועק פון די וועלט, און ער האט ליידער נאכנישט זוכה געווען צו האלזן זיין אייגן קינד. אינצווישן האט ער זיך געצויגן פון באלוחוב צום שטאט יאסי, און זיין עשירות האבן זיך געהויבן און געשטיגן, ער האט גאר פיין מצליח געווען אין פרנסה, אבער א קינד האט ער נאכאלץ נישט געהאט.

נאך זיבצען יאר איז ער געפארן קיין זידיטשויב, און ער האט זיך ארויף געלייגט אויף זיין רבי'ס מצבה, און ער האט אנגעהויבן צו וויינען "די געלט וואס איך האב געגעבן בין איך מוחל, אבער דער צוזאג אויף קינדער בין איך נישט מוותר", יענער יאר זאת חנוכה איז ער געהאלפן געווארן מיט א קינד. (פאר יצחק פרק כז אות ז).

זִיבְּן מִדּוֹת לְךָ ה', הַגְּדֻלָּה, וְהַגְּבוּרָה, וְהַתִּפְאֶרֶת, וְהַנֵּצַח, וְהַהוֹד, לְךָ ה' הַמַּמְלָכָה, נָאךְ דִי זִיבְּן מִדּוֹת, שְׁטֵייט אִין פָּסוּק "וְעֹשֶׁר וְהַכָּבוֹד מִלְּפָנֶיךָ וְאַתָּה מוֹשֵׁל בַּכֹּל", דָאס קוּמְט אוּנְז מְרַמֵּז זַיין אַז דִי אַכְטֶער טָאג, אִיז מְסֻגָּל פַאר עֲשִׁירוּת. עֶר לֵייגְט צוּ אַ רֶמֶז, דִי וֶוערְטֶער 'וְאַתָּה מוֹשֵׁל בַּכֹּל' אִיז בְּגִימַטְרִיָּא 'שֶׁמֶן זַיִת זָךְ'.[יז]

### לוֹ חָכְמָה יַשְׂכִּילוּ זֹא"ת

**דֶער** יִשְׂמַח יִשְׂרָאֵל (חנוכה אות נג) טַיְיטְשְׁט דִי פָּסוּק (תהלים צב ז) **וּכְסִיל לֹא יָבִין אֶת זֹא"ת** אַ נַאר'יִשֶׁע מֶענְטְשׁ קֶען נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין דֶעם גֶעוַואלדִיגֶע סְגוּלוֹת וָואס לִיגְן אִין זֹא"ת חֲנֻכָּה. אוּנְז זֶענֶען אַזוֹי וֵוייט צוּ קֶענֶען זוֹכֶה זַיין צוּ דֶער אַלֶע הִתְגַּלּוּת וָואס טוּט זִיךְ אָפּ אִין דֶער טָאג, אָבֶער פוּנְדֶעסְט וֶועגְן טוּעֶן מִיר גְלֵייבְּן, אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט אַרַיין גֶעלֵייגְט אִין דֶעם טָאג גֶעוַואלְדִיגֶע סְגוּלוֹת, וָואס מֶען קֶען זִיךְ אוֹיס בֶּעטְן אוּן אוֹיס'פּוֹעֶלְ'ן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשׁ יָאר.

**דִי** טָאג אִיז אַזוֹי גְרוֹיס, אוּן עֶס הָאט אִין אִיר גֶעוַואלְדִיגֶע סְגוּלוֹת, אָבֶער מֶען דַארְף עֶפֶענֶען דִי אוֹיגְן אוּן זֶען דִי אַלֶע זַאכְן, נִישְׁט בְּלֵייבְּן וִוי אַ בְּלִינְדֶער מִיט פַארְמַאכְטֶע אוֹיגְן אוּן לָאזְן פַארְבֵּיי גֵיין אַזַא גֶעוַואלְדִיגֶע דֶערְהוֹיבֶּענֶע טָאג.[יח]

### הַדְרָן עֲלָךְ יְמֵי חֲנֻכָּה

**אִין** סֵפֶר לִקּוּטֵי מהרי"ח וֶוערט גֶעבְּרֶענְגְט אַ טַעַם פַארְוָואס מִיר פִּירְן זִיךְ צוּ מַאכְן אַ גְרוֹיסֶע סְעוּדָה אִין זֹאת חֲנֻכָּה. עֶר גְלֵייכְט דָאס צוּ צוּ שִׂמְחַת תּוֹרָה, אַזוֹי וִוי

**יז.** מען קען צולייגן נאך א רמז, די ראשי תיבות פון די ווערטער עמך ישראל צריכין פרנסה, איז בגימטריא נר, וואס דאס ווייזט אונז אז די נרות חנוכה זענען מסוגל אויף פרנסה.

**יח.** דער חובת הלבבות (שער התשובה שער ז פרק י) זאגט א משל: איינער האט געוואלט אריבער גיין א טייך, דעריבער האט ער אריין געווארפן זיינע מטבעות אינעם טייך כדי די געלט זאלן פארשטאפן די פלוס פון וואסער און אזוי זאל ער קענען אדורך גיין די וואסער אן קיין פחד אז ער זאל אריין פאלן. אזוי ווארפענדיג איין מטבע נאכ'ן אנדערע, באמערקט ער עס טוט נישט אויף, און ער איז געבליבן קוים מיט איין מטבע.

פלוצלינג באגעגנט ער א קאפיטאן, ער געבט אים דער איין מטבע וואס ער האט נאך געהאט, כדי דער קאפיטאן זאל אים אריבער פירן די טייך, און אים צוטראגן צום ריכטיגן ארט וואו ער וויל אנקומען. אזוי האט ער דערגרייכט צו זיין געוואונטשענע פלאץ מיט איין מטבע.

זאגט דער חובת הלבבות דער נמשל גייט ארויף אויף א בעל תשובה: וואס האט פארלוירן און פארפאטשעקט זיינע טעג, ער האט אריין געווארפן טעג און יארן אינעם וואסער, אבער ווען ער כאפט זיך און ער טוט תשובה, קומט ער אן צום ריכטיגן פלאץ, און דער באשעפער איז אים מוחל אויף אלע זיינע עבירות.

דאס לערנט אונז, אפילו מיר האבן נישט ריכטיג אויסגענוצט די טעג פון חנוכה ווי עס דארף צו זיין, אבער אין די אכטער טאג קען מען אלעס פארעכטן, און דערגרייכן אלעס וואס מען האט פארלוירן אין די טעג ביז אהער.

מֶען מַאכְט אַ יו"ט 'שִׂמְחַת תּוֹרָה' וֶוען מֶען עֶנְדִיגְט דִי תּוֹרָה, אַזוֹי אוֹיךְ מַאכְט מֶען אַ גְרוֹיסֶע סְעוּדָה וֶוען מֶען עֶנְדִיגְט צוּ מְקַיֵּם זַיין אַזֶעלְכֶע גְרוֹיסֶע מִצְוֹת, וָואס מִיר הָאבְּן מְקַיֵּם גֶעוֶוען אִין דֶעם הֵיילִיגֶע טֶעג פוּן חֲנֻכָּה.

**מֶען** דארף זֶען צוּ מִיט נֶעמֶען דִי הֵיילִיגֶע אוֹרוֹת פוּנֶעם הֵיילִיגְן חֲנֻכָּה, פַאר דִי גַאנְצֶע יָאר, זִיךְ אָנְגַארְטְלְן מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת אַרֵיין צוּ כַאפְּן אוּן אוֹיסְנוּצְן דִי גֶעבְּלִיבֶּענֶע טֶעג פוּן חֲנֻכָּה, אוּן זִיךְ דֶערְוַוארֶעמֶען מִיט דֶעם פַאר דִי גַאנְצֶע ווִינְטֶער. יהֵ"ר אַז בִּזְכוּת דִי הֵיילִיגֶע חֲנֻכָּה לִיכְט, זָאלְן מִיר זוֹכֶה זַיין צוּ אוֹר חָדָשׁ עַל צִיּוֹן תָּאִיר, וְנִזְכֶּה כֻּלָּנוּ בִּמְהֵרָה לְאוֹרוֹ, וְתֶחֱזֶינָה עֵינֵינוּ בְּשׁוּבְךָ לְצִיּוֹן בְּרַחֲמִים גְּדוֹלִים אָמֵן.